[illegible] 1938

משה שימעל

# מיינע ליבע גאַסן...

I

דאָס היימלאַנד פון אַ מענטש — דאָס זענען אייגנטלעך די פּאָר ווענט, צווישן וועלכע מען האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען די שיינע, טרויעריקע וועלט. דאָס דאָזיקע היימלאַנד ווערט שפּעטער אויסגעברייטערט אויפן גאַנצן הויז, ווו מען האָט געוווינט און אויף דער גאַס, אויף וועלכער מען פלעגט אַרומלויפן באָרוועס און לאַכנדיק, פול מיט יענער קינדערישער פרייד, וואָס חזרט זיך שוין קיינמאָל מער נישט איבער. וואָס איז איינמאָליק, ווי דאָס לעבן און דער טויט.

דאָס דאָזיקע היימלאַנד, אַזוי קליין אין שטח, איז אָבער גענוג גרויס פאַר דער אייביקער בענקשאַפט פון אַ מענטשלעך האַרץ און פאַר דער אַנטציקונג פון מענטשלעכע אויגן, וועלכע קענען יעדן שטיין אויף די שמאָלע, געדרייטע ליקלעך און יעדן שאָטן פון די נידריקע הייזער, צווישן וועלכע ס'איז דורכגעלאָפן די זוניקייט פון אַ יוגנט.

מיין היימלאַנד איז די גרויסע, שיינע שטאָט לעמבערג, פאַר מיר די שענסטע אויף דער וועלט.

פון דער דאָזיקער גרויסער, שיינער שטאָט טייל איך אויס דעם קוואַרטאַל, ווו ס'האָבן געוווינט און עס וווינען נאָך איצט ברייטע שיכטן פון מיין פאָלק, די געגנט, וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען „פאַר דער שול" (פּאַרדישול).

דער דאָזיקער לעבעדיקער קוואַרטאַל ווערט איבערגעשניטן דורך דער ברייטער, גרויסשטאָטישער זשאָלקיעווער גאַס און ענדיקט זיך אייגנטלעך אויף דער אַנדערער זייט, ווו ס'הויבן אָן אַרויפצולויפן צום „באַרג" צו יענע קליינע, געדרייטע שמאָלע געסעלעך, וועלכע זענען מיר אַזוי ליב און טייער און וועגן וועלכע עס ווילט זיך מיר דאָ דערציילן.

II

דאָס איז די לוויאַ-גאַס, די שעניאַווע און אַ גאַנצע ריי געסלעך ביזן באַן-שליאַבאַן, וואָס לויפן אין דער ריכטונג צום באַרג און וואָס פאַרלירן זיך ענדלעך אין דער גרינער צערוישטקייט פון די קאַשטאַן-ביימער, בזשאָזעס און ליפּעס אויפן באַרג-אויפשטייג.

---

רחל אויערבאַך

## די „גילדענע בריק"

(לעמבערגער פאָרשטאָט-רעפּאָרטאַזש)

### דער גורל פון א טייך

צו אַ גרויסער שטאָט געהער אַ גרויסער טייך.
צוליבן נוץ, צוליב פּוץ.

זומער-צייט האָבן מחנות מענטשן ברעגעס צום באַלעגערן, אַ טיפעניש צום באָדן, שווימען, רודערן. איז דער טייך גאָר אַ גרויסער, גייען אויף אים שיפן — מיט פאָנען פון זעגלען, מיט פעדערבושן רויך, מיט שפּילנדיקע אָרקעסטערס אויפן דעק פאַרנאַכט...

אָבער דער לעמבערגער טייך, אַן אָרעמער, אַ שמאָלער — האָט מען גענומען און געמאַכט פון אים סך-הכל אַ — קאַנאַל. אַראָפּגעלאָזט דעם בעקן זיינעם אין דערנידער און אויבנאַרומעט איינגאַנצן אים פאַרבויט. אַזוי אים פאַרמאַכט און פאַרדעקט, אַז חוץ גנבים און איינברעכערס, וואָס באַהאַלטן אויס אין די אונטערערדישע קאַטאַקומבן זייער רויב, ווייסן נאָר געציילטע מענטשן דעם גאַנג פון פעלטעוו אונטער די בנינים און גאַסן פון לעמבערג.

ערשט דאָרט, ווו די שטאָט ענדיקט זיך און עס ענדיקט זיך די פאָרשטאָט, דאָרט, צום סוף פון זאַמאַרסטינאָווער און פון דער הייליקער מאַרצינאַגאַס האָט מען דעם פאַרשפּאַרטן טייך ווידער אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי.

נישט אינגאַנצן. זיין בעקן איז געבליבן אַראָפּגעלאָזט אין דער טיף, די ברעגעס האַרט אַרומגעמויערט, שטיינערן. נישט מער—דאָ קומט ער צוריק אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. דאָ זעט מען אים ווידער שלענגלען זיך און דרייען, ווי אַ סטעזשקע. מענטשן מוזן דאָ ווידער זוכן בריקן איבער אים און נאָכגיין נאָך די בויגיקע קאַפּריזן פון זיין לויף.

קומט דער טייך אַרויס פון דער פאַרהוילעניש און שווימט ווייטער.

אָבער שווער און טריב שווימט ער און די מראה זיינע איז משמעות ווי די מראה פון איינעם,



מאריאַצקי-פּלאַץ מיט מיצקעוויטשעס דענקמאָל אין לעמבערג

די געשיכטע פון די דאָזיקע געסלעך און הויפּטזעכלעך פון דער לוויאַ-גאַס און פון דער שעי-ניאַווע, איז ווייט נישט רום-פול. מען דערציילט זיך אויפן אויער, אַז ווייט פאַר דער מלחמה זענען די נידעריקע כאַטעס אויף די דאָזיקע גאַסן באַווינט געווען דורך... איר ווייסט שוין דורך וועמען. עס האָבן דאָרט געשפּילט סקריפּענדיקע אָרקעסטערס. זיי האָבן געשפּילט אַלטע – דעמאָלט אָבער גאָר נייע און פרישע שטרויס-וואַלצער. עס פלעגן אַהין קומען די עסטרייכישע פעלדפעבלען און קאַפּראַלן,

---

וואָס מען האָט נאָר וואָס אַרויסגעלאָזט פון תּפיסה. גרינלעך גרויע און אויפגעיוירענע, געריכטע און פוילע זענען זיינע וואַסערן.

זיי טראָגן אין זיך דעם סך-הכל פון אַלע הויפּט- און נעבן-קאַנאַלן. דעם אָפּפלוס פון אַלע שמעלערע און ברייטערע רערן; פון אָפּגוסן אין די הייזער, פון די רינשטאָקן אויף די גאַסן; דעם אָפּשווענק פון די פאַבריקן, ברויערס, גאַרבע-רייען – דעם גאַנצן נאַסן שמוץ פון אַ שטאָט מיט איבער אַ פערטל מיליאָן מענטשן!.

## די „בלאַניע"

פעלטעוו, דער באַפרייטער טייך, שווימט צו-ערשט אַדורך אַ ברייטע גרינע פלאַך – די „בלאָניע".

פאַר די שול-קינדער פון דער הייליקער מאַר-צינאַ-גאַס, פאַר די, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן לייענען קאַראָל מאַי, איז די „בלאָניע" דער גרוי-סער פליין. די ווייטע פּרעריע, איבער וועלכער עס גאַלאָפּירן טאַבונען ווילדע פערד און רויט-הויטיקע דזשענטעלמענער ווינעטויס און ווייס-הויטיקע אָלד סורהענדס און אָלד שאַטערהענדס פליען זיי נאָך מיט אויפגעוויקלטע לאַסאָס אין די הענט. ביי אַנ-דערע, פון דער פינפטער און זעקסטער קלאַס, וואָס זענען שוין אַריינגעטאָן אין שענקעוויטשעס „מיט פייער און בלוט" איז די „בלאָניע" אַ סטעפּ. דער אומבאַגרענעצטער סטעפּ פון אוקראַינע מיט גראָז און ווילדקרויט אויף אַ מאַן די הויך.

אין דער אמתן זענען די זויערע גראָזן און באָדיעקעס פון דאָזיקן פייכטלעכן שמיטה-פעלד שוין גאָרנישט קיין הויכע און אויפן אָרט פון די פייער-דיקע מוסטאַנגן, הינקען דאָ אַרום בלויז אַ צענטליק צי צוויי געפּענטעטע, מאָגערע שקאַפעס פון די ציגיינערישע בוידן, וואָס ווידמענען זיך דאָ יעדעס יאָר ביז אין שפּעטן האַרבסט אַריין.

אין אַ זומערדיקן זונטיק ווערט די „בלאָניע" באַקלעבט מיט מענטשן. מען שפּרייט אויס קאָצן, פלאַכטעס, זעק. מען צעלייגט זיך מיט עסנוואַרג, מיט פעשלעך קאָרטן. מען באַקט זיך אויף דער זון, מען קנאַקט דיניע-קערלעך, מען רויכערט און אַ קופּע קליינע ציגיינערלעך – איינס קלענער פונם

מען האָט געטרונקען ביר און בראָנפן, עס פלעגן אויסברעכן געשלעגן. מיט איין בלאָז זענען פאַרלאָשן געוואָרן אַלע נאַפט-לאָמפן. עס האָט זיך געהערט אַ פייפעריי, געשרייען, קוויטשערייען, ביז עס איז ווידער שטיל געוואָרן. און די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן ביז צומאָרגנס שפּעט אין טאָג אַריין.

## III

בשעת דער מלחמה זענען זיך די דאָזיקע פריילעכע נעסטן צעפלויגן איבער דער ווייטער וועלט.

די פעלדפעבלען און די „פרייטערס" זענען שוין נישט געקומען אויף דער לוסטיקער, צעבאַלעוועטער לוויאַ-גאַס. זיי זענען פונקט דעמאָלט געווען שטאַרק פאַרנומען מיט שטאַרבן אין די אָקאָפּעס אויף דער איטאַליענישער און רוסישער ערד. די פריילעכע מיידלעך זענען זיך צעלאָפן אין אַנדערע גליקלעכערע לענדער און די קליינע פאַרטער-הייזלעך האָבן גענומען פוסטעווען.

זיי האָבן אַזוי געפוסטעוועט אַ לאַנגע צייט. איבער זיי זענען געפלויגן אוקראַינישע גראַנאַטן. אַ שווערער האַרבסט איז דעמאָלט געווען. נאָך אים אַ פראָסטיקער ווינטער, הונגער און שרעק, ביז ס'האָט זיך אַלץ איינגעשטילט. מענטשן זענען מיד געוואָרן פון כסדרדיקן שטאַרבן און האָבן באַשלאָסן צו לעבן.

דעמאָלט האָבן די פאַראָרעמטע באַלעבאַטים פון די דאָזיקע פאַרטער-הייזקעס אָנגעהויבן צו זוכן נייע לאָקאַטאָרן.

נאָך דער מלחמה איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין וווינונגען. יידן, אַנטלאָפענע פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער האָבן אָנגעפילט דעם יידישן קוואַרטאַל מיט שטורם און לעבן.

מען האָט געזוכט דירות. אָרעמעלייט האָבן פאַרקויפט זייערע וווינונגען אין צענטער שטאָט און האָבן געזוכט ביליקע דירות אויף די האַלבע פעריפעריעס.

די אָפּגעפרישטע הייזלעך אויף לוויאַ און שעניאַווע האָבן באַקומען נייע „קאָמאָרניקעס" (לאָקאַטאָרן).

## IV

איך בין געווען נאָך אַ קליין יינגל, ווען מיר זענען געקומען וווינען אויף דער לוויאַ-גאַס.

נאָך דעם גרויסן טומל אין צענטער שטאָט, וווּ מיר האָבן פריער געוועסטעט, איז מיר אויסגעקומען דאָס דאָזיקע געסל, ווי אַ קליין שטעטל. איך האָב פון קינדווייז אָן געהאַט אַ סענטימענט פאַר קליינע שטעטלעך, אפשר דערפאַר, ווייל אין יאַנאָוו אונטער לעמבערג האָט געוווינט מיין באָבע, צו וועלכער כ'פלעג אָפט פאָרן אויף זומער-וווינונג. דאָס דאָזיקע שטעטל מיט דער גרויסער אָזיערע,

אַנדערן – ווייזן בשעת מעשה אָן אויפהער קליינע קונצן. זיי טאַנצן אויף איין פיסל, כאַפּן זיך טרעפן גורלות און שפּילן מיט די פינגער אויף די ליפּן און באַקן ווי אויף דרימבעס. די באַנבאָנעס און קערלעך, וואָס מען וואַרפט זיי צו, עסן זיי אַליין, אָבער די פּאַפּיראָסן און גראָשנס טראָגן זיי אָפּ צו די עלטערע, שוואַרצבערדיקע, פעטהאָריקע ציגיינערס, וואָס זיצן שווער און וואָגיק פון דער ווייטנס.

פרויען מיט גראָע פנימער ניאַנטשען קליינע קינדער ביי דער ברוסט. יונגע שיקסעס שושקען זיך און נאַשן אַ ליאָדע פאַר 5 גראָשן פון דעם שעפּל, וואָס אַ ייד אין אַ ברודיק-ווייס רעקל האָט געבראַכט צו טראָגן אויף די פּלייצעס פון דער שטאָט.

נאָר איין זאַך איז פאַראַן, וואָס שטערט דעם נחת: די לופט!.

און ווי וויל דער זונטיקדיקער עולם פון דער הייליקער מאַרצינאַ און די זייטן-גאַסן איז נישט צופיל איבערקלייבעריש אין דעם פּרט, פונדעסטוועגן האָבן די מענטשן פון תמיד אָן אַ פאַרדראָס: וואָס, דאַכט זיך – גרין גראָז, בלאָער הימל,

בוימער און בערגלעך אויפן האָריזאָנט, אַ טייך שלענגלט זיך אין דער נאָענט און אפילו פערדעלעך און בהמהלעך פּאַשען זיך – איז הלמאי זאָל קומען דער חוש הריח און אינטערטראָגן אַלע ווילע עפּעס אַזוינס נבלהדיקעס, האַרב פאַרטמטס, עפּעס אַ ווינטל אַזוינס, וואָס לאָזט נישט פאַרגעסן אויף קיין איין מינוט, אַז דער טייך איבער דער ברייט פון דער לאָנקע איז קיין טייך נישט, נאָר אַ קאַנאַל, און די לאָנקע גופא –

אַ מיסט-פּלאַץ פון אַ גרויסער שטאָט!

## דער לעצטער וועג פון אַלדאַס זאַכלעכע

ביים ראַנד פון דער בלאָניע פאַרנעמט זיך פון מאַרצינאַ-גאַס אַ זייטן-וועג.

נישט קיין ברייטער – אויף איין וואָגן איינגאַנצן – לויפט ער מיט דער גאַנצער לענג איבער אַן אויפגעשיטער דאָמבע, ווי איבער אַ גרעבליע ביי אַ מיל. דאָס איז דער וועג, איבער וועלכן עס ווערן אַרויסגעפירט די מיסטן, וואָס זענען נישט

מיט די גרינע באַמאָכענע דעכער, מיט די טונקעלע, שאָטנדיקע אַלקערס האָט פאַרזייט אין מיר, דעם גרויסשטעטישן, אַ גרויסע ליבשאַפט צו קליינע שטעטלעך.

די לוויאַ-גאַס איז פאַר מיר דעמאָלט געווען אַ קליין שטעטל מיט אַלע פּיטשעווקעס, קליינע פּאַרטער-הייזער. אויף די צעקרומטע דעכער האָט געגרינט דער מאָך. די פענצטער אין הויף אַריין זענען געווען נידריק ביז צו דער ערד. עס האָט געשמעקט מיט שטאַלן, מיט היי, מיט צוגעברענטער מילך און מיט ליפּע-צוויט פון קלויסטער-גאָרטן, וואָס איז אָפּגעטיילט געווען פון אונזער הויף מיט אַ שטיינערנער מויער.

די גאַס הייבט זיך אָן מיט אַן אַלטן בוים, מיט אַ קאַשטאַן דוכט זיך, וואָס וואַרפט זיין שאָטן אויף דער גרויסער שיינער שול. די גאַס שלענגלט זיך קרום אַרויף צום באַרג. שטייענדיק ביים סוף גאַס אינדערהייך, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אַ פּרעכטיקער אויסבליק אויף דעם טאָליקן טייל פון שטאָט.

אין ערשטן הויז, אויפן אַלטן מאַרק, האָט אין פּראָנט געוווינט אַ קריסטלעכער שוסטער. ער האָט געהאַט דריי זייער שיינע טעכטער, וועלכע פלעגן גאַנצע טעג זיצן אויף דער שוועל און זיך וואַרעמען אין דער זון.

אינמיטן גאַס, אין דעם נידעריקסטן הייזל האָט געוווינט דער באַרימטער קאַטאַרינאַזש מיט זיינע פּאַפּוגייען. ווען איך פלעג אַהיים גיין אין אָוונט, פלעג איך הערן ווי דער קאַטאַרינאַזש שפּילט פאַר זיין הויזגעזינט די אַלטע ווינער וואַלצער און ווי די פּאַפּוגייען פלאַפּלען מיט זייערע קאָמישע, הייזעריקע שטימען.

דאָס הייזל, אין וועלכן דער קאַטאַרינאַזש האָט געוווינט, איז געווען איבערפולט מיט בעטלער, קריפּלען, געמאַכטע קאַליקעס און סתם אָרעמעלייט.

אַ הויז ווייטער האָט געוווינט אַן אַלטער שוסטער, אַ מאַזור מיט אַ יונג, טרויעריק ווייב. זי האָט אויפגעקויפט אין די „בעסערע" גאַסן אַלטע שיך. ער האָט זיי מיט דער הילף פון זיין קונסט געמאַכט צוריק ניי און שפּעטער זענען זיי ביידע אַראָפּ „אויפן פלאַץ" – אַ מין מאַרק, און מען האָט די דאָזיקע ב׳גוואַלד אויפגעלעבטע שיך פאַרקויפט די אָרעמע יידישע האָרעפּאַשניקעס.

זענען יידישע טרעגער נעגאַנגען צו דער אַרבעט אין עלעגאַנטע אַריסטאָקראַטישע לאַקערקעס און מאַרק-יידענעס זענען געזעסן ביי זייערע פייערטעפּ און ביי זייערע סאַמאָוואַרן מיט געקאָכטע עפּל, באַרן און קוקורידזע און עלעגאַנטע שיכעלעך מיט לאַנגע, שפּיציקע נעז...

אַנטקעגן אונז האָט געוווינט אַ טרעגער, אַ ליטוואַק מיט אויסטאַטוירטע פּלייצעס, מיט אויסגעברענטע פיגורן אויף דעם ברוסטקאַסטן, ווי ביי אַ מאַטראָז אָדער קאַטאָרזשניק.

אויפגעקויפט געוואָרן פון די גערטנער אויף צו באַמיסטיקן די ערד, דער טאַרזוס-פעלז, פון וועלכן זיי ווערן אַראָפּגעשטויסן אין אַ טיפן אָפּגרונט.

אין אומצאָליקע הויפנס ליגן זיי, די אַראָפּגעשטויסענע מיסטן, ביי ביידע ראַנדן וועג. ליגן און וואַרטן אויף די „מאַנעליאַרזשעס" מיט די שוואַרצע זעק, זיי זאָלן קומען און זיי טון דאָס לעצטע רעכט. אויכקלויבן פון זיי אַלץ, וואָס האָט נאָך אַ ניצונג ווערט אין זיך און איבערלאָזן דעם רעשט אויפן באַראָט פון לופט און רעגן, פון צייט און אומקום, — פון דעם צוריקגאַנג צו דער אומפאָרם, צו ערד און שטויב.

פויל און טרויעריק שלייכט זיך דער וועג צווישן די אויפגעשיטע הויפנס, קריכט פּאַמעליע איבערן הויכן ראַנד פון דער בלאָניע און שטעלט זיך אַלעמאָל אָפּ אויף די ערטער, ווו די געדיכטע מיסט-הויפנס הויבן אָן אַריבערוואַקסן דעם אויפגעשיטן דאַם. אַזוי לאַנג ביז דער וועג קומט צו שוין גאָר נאָענט צו דער צווייטער לויפנדיקער ליניע – צו דער פּעלטעוו. דאָ שטעלט ער זיך איינגאַנצן אָפּ, דער וועג און פון דער ערד וואַקסט פּלוצלונג אַרויס אַ ריזיקער סודותדיקער טויער מיט צוויי מעכטיקע-הויכע, שוואַרצע פליגלען.

אַ טויער, וואָס עפנט זיך נאָר ביינאַכט...

## די „מאַנעלאַזשעס"

און אָט דאָס טאַקע, דער דאָזיקער וועג, דאָס אָרט, ווו דאָס געשענדטע פעלד באַגעגנט זיך מיט דעם געשענדטן טייך, ווו דער טרוקענער אָפּפאַל באַגעגנט זיך מיטן נאַסן – דאָס דאָזיקע אָרט הייסט גילדענע בריק.

ווי וווּנדערלעך איז די איראָניע פון דער מענטשלעכער שפּראַך! נאָר די דאָזיקע איראָניע האָט געקאָנט גורם זיין, מען זאָל אָנרופן דאָס שמוציקסטע אָרט פון דער שטאָט מיטן נאָמען פון גאָלד.

און אפשר נעמט זיך גאָר דער נאָמען פון עפּעס אַנדערש? אפשר נעמט ער זיך פון די גילדענע האָפענונגען פון די „מאַנעלאַזשעס", פון די מענטשן, וואָס לעבן פון די מיסטן?

דאָס איז געווען אַ זייער האַרציקער און ליבער מענטש. פרייטיק צו נאַכטס איז ביי אים אין דער סוטערינע געווען שבתדיק און פריילעך, אַז עס האָט זיך פשוט נישט געגלוסט אוועקצוגיין.

זומער-צייט, אין די שבתים, פלעגט ער פאַרנעמען די גאַנצע פאַמיליע, מיטן טוץ קינדערלעך, מיטן ווייב און מיטן גראַמאָפאָן, מיט דער רויטער טובע און אַוועק מיט זיי אין קייזער-וואַלד, איינס פון די שענסטע ווינקעלעך, נאָנט פון אונזער גאַס. דאָרט האָט מען געגעסן פיש, געשפילט ווידער די אַלטע, וויַנער וואַלצן און ווען עס איז געווען הייס, איז מען געגאַנגען זיך באָדן אין דעם טייכל דערנעבן. פאַר לאָבוזעס האָט מען נישט מורא געהאַט, ווייל דער טרעגער, דער ליטוואַק איז געווען אַ ייד, אַ גבור און פויסטן האָט ער געהאַט. ווי איז געווען צו דעם, וועך עס האָט זיך מיט זיי באַקענט...

דער ליטוואַק איז פאַר אונז געווען אַן עקזאָטישע דערשיינונג אויף דער לוויאַ-גאַס, הגם ער האָט שוין 15 יאָר דאָרט געוווינט. מען פלעגט נאָכדערציילן, ווי אַזוי ער רעדט. ער זאָגט אויפן ווייב „די ווייב" און אויפן יינג „דער יינגל", אויף ברויט „ברעיט". מען האָט אים אָבער ליב געהאַט צוליב זיינע מעלות.

ווינטער איז דאָס געסל כמעט ווי אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער שטאָט. געדיכטע שנייען האָבן זיך געלייגט אויף די דעכער און זענען נאָכגעהאַנגען, ווי ריזיקע ווייסע בערד. בכדי אַראָפּצוגיין נאָך נאַפט אין געוועלבל, האָט מען געמוזט טאָפּטשען ביז איבערן בויך אין שניי.

מען האָט נאָך דעמאָלט אַלץ גענוצט נאַפטלאָמפּן. אין די אָוונטן איז מען געזעסן ביי די אויוונס און זיך געוואַרעמט, ווייל אין די פאַרטערהייזלעך איז געווען שרעקלעך קאַלט. אַזוי ווי אין די קליינע שטעטלעך, אַזוי ווי אין יאַנעוו ביי דער באָבען...

V

די איינוווינער פון די דאָזיקע גאַסן האָבן זיך רעקרוטירט פון די אָרעמסטע שיכטן. וועגן זייער אָרעמקייט זאָגן עדות די מאכלים, וואָס זיי האָבן געגעסן.

אינדערפרי איז פאַר יעדער טיר געשטאַנען אַ רויכענדיקער סאַמאָוואַר. דאָס איז נישט געווען יענער רוסישער קופערנער צי מעשענער סאַמאָוואַר, וואָס שאַפט הייטערקייט און געמיטלעכקייט ביים טיש. בלעכענע, פאַרזשאַווערטע סאַמאָוואַרן זענען דאָס געווען. סאַמאָוואַרן, אין וועלכע מען האָט געקאָכט... קאַווע. דער באַליבטער עסטרייכישער געטראַנק. דער טעם פון דער דאָזיקער קאַווע לאָזט זיך קוים באַשרייבן...

דאָס מיטאָג איז באַשטאַנען פון איין שפייז:

חאָרום — אַך, גאָט מיינער — אייגנטלעך האָט דאָך אויך דער דאָזיקער נאָמען אַ שייכות צו גאָלד. „מאַנעלעס" הייסן אין אַלט-פוילישן לשון גילדענע קייטן, צירונג און די „מאַנעלאַזשעס" זענען דאָך די יובעלירן פון דער פאָרשטאָט.

מאַנעלאַרקעס מיט שפּיציקע, אייזערנע שאַר שטעקלעך און מיט פונקט אַזוי פאַרשפּיצטע, לאַנגע, קרומע פינגער און קלעפּיקע שוואַרצע נעגל, נישטערן און גראָבן אין דעם שטינקענדיקן אָפּפאַל און חלומען יעדן טאָג:

...אָט שאַרט מען איבער קויטיקע שמאַטעס און פאַרפּעצטע פּאַפּירן, איבער צעבויגענע, לעכערדיקע טעפּ און פאַרזשאַווערטע דראָטן, צעבראָכענע מעסער-קלינגען און צעקלאַפּטע פלעשער (אויף דער אָפּפאַל-בערזע האָט זיך אַלץ זיין וואָג און פּרייז)... און אָט שאַרנדיק אַזוי, טוט עפּעס אַ בלישטש, אַ גלאַנץ, אַ קלונג... מען טוט אַ שפּרונג, אַ כאַפּ! אַ גאָלדן רינגל, אַ דימענט אוירינגל. אַ קליין קינדעריש פינגערל מיט אַ בלאָ שטיינדעלע, מיט פּערעלע...

ווינציק דימענטן און בריליאַנטן פאַלן אַרויס פון זייער פאַסונג און מען קערט זיי אַרויס מיטן מיסט!—אַ שערבעלע גלאָז פון אַ צעבראָכענער שויב פאַרשטעלט זיך אַמאָל פאַר אַ דימענט. כאַפּט אַריין אין זיך אַ בינטל שטראַלן און צעפונקעלט זיך מיטן ריינסטן פייער, וואָס לאָקט פון דער ווייטנס.



קילינסקי-פאַרק אין לעמבערג

בולבעס (קאַרטאָפל). איין מאכל — אַ בולבע זופּ, דאָס צווייטע מאכל: בולבעס מיט לאָקשן, דאָס דריטע מאָל: בולבעס מיט קאַשע. דערביי האָט מען געזונגען דאָס גוט באַקאַנטע לידל:

זונטיק — בולבעס
מאָנטיק — בולבעס
דינסטיק — בולבעס

א. אַז. וו.

שבת, ווידער בולבעס... בולבעס אויף טרוקן מיט ציבעלע-זויז, בולבעס — אַלס זופּ, בולבעס — קוכן (בולבעניק), בולבעס — קניזשעס, אָדער סתם אָנגעריבענע בולבעס געבראָטן אויף דער קוך צו פּעטס (ליטן וואַרשעווער נוסח: לאַטקעס).

ווער עס האָט געהאַט אין קעלער אַ קערץ קאַרטאָפל האָט געהייסן אַ באַלעבאָס. ביי אים אין שטוב, האָט מען זיך געסודעט — איז דאָ פון כּל-טוב... ער פירט זיך אַ היים, אויף אַלע אונזערע ליבע לייט געזאָגט...

פליש איז געווען בלויז אויף שבת. דער שבת איז אָפּגעהיט געוואָרן מיט דער גרעסטער מי און זאָרגפעליקייט.

עס זענען אָבער געווען שטיבער, ווו אויף שבת זענען אויך געווען... בולבעס...

אָבער אין די דאָזיקע שטיבער איז שוין געווען גאָר טרויעריק.

VI

איך ווייס נישט צי אין וואַלקערס שענק אויפן ראָג גאַס שפּילט נאָך די אויטאָמאַטישע מוזיק-שאַנק און צי עס וווינט נאָך דאָרט דער טרעגער מיט דער אויסטאַטוירטער ברוסט און דער שוסטער, דער מאַזור מיט זיין אומעטיק ווייב, און דער קאַטערינאַזש מיט זיינע פּאַפּוגייען.

איך ווייס נישט צי עס האָט זיך דאָרט עפּעס געענדערט.

די שנייען פאַלן געוויס, ווי דעמאָלט אויף די נידעריקע דעכער, די לבנה גייט אויף ווי פריער אין דער טיף פון דער משפּעדיקער גאַסן-פּערספּעקטיוו... מען טאָפּטשעט אין שניי... פרייטיק צינדט מען אָן ליכט אין די סוטערינעס... ס'איז דאָרט שטיל און אפשר היימלעך, ווי אַמאָל.

איין זאַך האָט זיך באַשטימט נישט געענדערט: מען עסט נאָך אַלץ בולבעס. ווייל משיח בן דוד איז נאָך נישט געקומען צו רייטן אויפן ווייסן פערד אויסצולייזן דאָס געפּלאָגטע פאָלק ישראל און פייניקער מערן זיך, דער ווייטיק ווערט גרעסער און גרעסער...

איז ווי אַזוי קאָן זיך דאָרט עפּעס ענדערן? דאָרט אויף די קרומע, משפּעדיקע גאַסן. די ליבע גאַסן פון מיין קינדהייט.

וואַרשע, דעצעמבער 1938

פון אַזוינע זאַכן וואַקסט ביי די מאַנעלאַזשעס אין האַרצן די האָפנונג.

אַמאָל קאָן מען אין מיסט געפינען אַפילו ציין, ציין גילדענע פון מענטשלעכע מיילער...

אַלץ קאָן מען אין מיסט געפינען, אַלץ וואָס איז אַמאָל געשטאַנען אונטער בלאַנקע וויטרינעס פון די גרויסע גאַסן, אינמיטן שטאָט.

און דעריבער זענען די מאַנעלאַזשעס געגליכן צו די גאָלד-זוכער אויף די פעלדער פון קאַליפאָרניע און זייער גילדענער נאָמען איז צוגעפּאַסט צו דער גילדענער פּראָפעסיע.

## די „קאַנאַנען"

— וואַגנערס קאַנאָנען — אָט אַזוי ווערן אָנגערופן די וועגענער און רערן אין איין פּערזאָן, די לאַנגע אייזערנע פעסער, וואָס ווענצל וואַגנערס אַסעניזאַציע-אַנשטאַלט שיקט אַרויס יעדע נאַכט צו שעפּן און אַרויספירן דעם שמוץ פון די קלאָאַקן אין די אַלטע הייזער.

די מיסטן פון די הייזער פירט אַרויס די שטאָטישע רייניקונגס-אַנשטאַלט, וואָס האָט אויך איר זיץ אויף דער הייליקער מאַרצינאַ-גאַס. אירע ריזיקע מאָטאָר-וועגענער — בלעכענע מיסט-„טאַנקס" — פאָרן איבער דער גאַס צו דער גילדענער בריק צו — בייטאָג. אויפן „גאַסן" האָט אָבער איר פּריוואַט-מאָנאָפּאָל די פירמע וואַגנער און זי טוט איר אַרבעט ביינאַכט.

נאָך 10 אַ זייגער אין אָוונט, ווי נאָר עס ווערן געשלאָסן די טויערן פון די הייזער, רוקט זיך אַרויס פון עק מאַרצינאַ-גאַס אַ לאַנגע באַטעריע „קאַנאָנען". זיי דערפאָרן ביזן אָנהויב פון דער הייליקער גאַס און דאָ טיילן זיי זיך פונאַנדער איבער דער שטאָט, אין אַ שעה אַרום הויבן זיי שוין אָן צו פאָרן צוריקצוועגס.

צו איינער, צו צוויי קומען אָן די „קאַנאָנען". פאָרן אָן איבער דער גאַס און לאָזן זיך אַוועק גלייך צו דער גילדענער בריק, ביז צו דעם סודות-דיקן, הויכן טויער, ווו עס עפענען זיך צו דער צייט די צוויי שווערע, שוואַרצע פליגלען...

פאַר אַ „קאַנאָן" האָט מען מורא.

רחל קאָרן / פּשעמישל

# פאַסטעך אין געבערג

(קאַרפּאַטן־מאָטיוו)

די ווייסע שאָף
אַ וואַסערפאַל,
וואָס גיסט זיך
נאָך דעם פאַסטעכס פייפל
איבער דעם שטייניקן באַרג.

דעם פאַסטעכס פּנים
ברוין און שאַרף,
געוויטערנאָענט
און מענטשנפרעמד,
אַ ציפּערבלאַט פאַר ווינט און זון,
וואָס נעמט די שעה אַראָפּ פון הימל.

דעם פאַסטעכס פיס
אַ צווילינגספּאָר,
וואָס אַקערט יעדן טאָג אויפסניי
דאָס פעלזיקע און וויסטע פעלד,
ווו ס'וואַקסן האַרטע לאַבנס שטיין.

און ער אַליין —
דאָס אייגנטום
פון צען באַלעבאָסטעס אינם דאָרף,
וואָס נעמט אַנטקעגן וויליק, שטיל
אַ יעדן טאָג פון אַנדערע הענט
אַ שטיק פון האַרטן האָבערברויט.

ס'פאַרטרייבט דעם טרוים פון פאַסטעכס שלאָף
דאָס שטרויגעלעגער אין דער שטאַל,
די שאַרפע קעלט,
דער ריח פון מיסט.

איז אין די לאַנגע ווינטער־נעכט,
צוגליידט מיט כראָמטשענדיקע קי
טון מאַלעגיירען זיינע אויגן
די זון, דעם הימל און דעם וואַלד
און בלעטערן די גרינעביימער,
ווי דינע זייטלעך פון אַ בוך.
ביז ס'גיט זיך מיטאַמאָל אַ גאָס
איבער די טונקעלע ווענט פון שטאַל
אַ ווייסער וואַסערפאַל
פון שאָף,
וואָס זוכט דעם פאַסטעכס פּי־פּל־רוף.



פאָרפעלקער, וואָס וואַנדערן אַהיים פון טעאַ־טער, הויבן באַצייטנס אָן צו לויפן וואָס גיכער צו זייער הויז. אָדער פאַרנעמען זיך אין אַ זייטן־גאַס איבערצוּוואַרטן ביז די „קאַנאָן" וועט פאַרבייפאָרן. פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס קומען אַראָפּ אין שפּעט־זומער נאַכט פון נאָענטן שלאָסבאַרג — ענג געאָרעמט, פאַרשיכורט פון בלומען און קושן — לאָזן מיטאַמאָל אָפּ זייערע הענט און כאַפּן זיך צו די נעז...

אָבער אויף די „קאַנאָנען" פון פאָרנט זיצן מענטשן, וואָס האַלטן נישט פאַרשטעקט די נעז.

שווער, פּאַמעלעך, אייזערן, קייקלען זיך די רעדער. און פונקט אַזוי שווער, דומפּיק און האַרט זיצן די מענטשן פון פאָרנט, וואָס טרייבן אָן די געדולדיקע, שווערע פערד — די קאַנאַלאַזשעס, אָדער, ווי מען רופט זיי אויף מאַרצינאַ־גאַס, די „קאַנאָנ־יערן", וואָס שעפּן אַרויס דעם שמוץ פון די קלאָאַקן און פירן אים אַוועק צו דער גילדענער בריק...